ב"ה

# צעירי השלוחים



"פארבינדען צעירי השלוחים ארום דער וועלט"

A project of The Shluchim Office

## כ"ג חשון תשס"ו

## פרשת חיי שרה

טייערע קינדער שלוחים,
אמאל איז געווען א קעניג וואס האט געהאט אסאך קינדער. זיי זיינען געווען גוטע קלוגע קינדער און טייער צו אים אן א מאס. דער טאטע האט זייער געוואלט אז זיינע קינדער זאלן בלייבן מיט אים, אבער ער האט זיי געמוזט אוועקשיקן פון שטוב אויסצולערנען אנדערע מענטשן די ריכטיקע וועג זיך פירן. שטעלט אייך פאר, דעם גרויסע שמחה וואס דער קעניג האט געהאט ווען זיינע קינדער זיינען איין מאל א יאר אהיים געקומען. זיי האבן צוזאמען פארברענגט אויף ווי אלס גייט פאר זיי און באקומען נייע כחות צוריק צו גיין וואו די טאטע האט זיי אלע געשיקט.
קינדער, יעצט איז די צייט ווען דער טאטע פרייט זיך!! יעצט זיינען זיינע קינדער אהיים געקומען! דער רבי, אונזער הייליקן טאטע, איז אזוי צופרידן אז אלע זיינע קינדער – די שלוחים –זיינען איצטער געקומען אין קראון הייטס – אהיים. יעצט וועלן זיי – און אויך די גליקליכן קינדער וואס קומען צו די כינוס –האבן די געלעגנהייט זען זיך מיט אנדערע שלוחים, צו הערן נייע עצות און בעיקר נעמען נייע כחות אויף א גאנצן יאר. פון דעם כינוס זאל מען טאקע נעמען די כחות אויפצוטאן אונזער שליחות און ברענגען די גאולה האמיתית והשלימה נאו!!
א. וועכטער



### משיח נאו!

דעם כינוס השלוחים איז יעדן יאר דעם הויפט צייט פאר אלע שלוחים. אלע שלוחים קומען צוזאמען זיין ביים רבי'ן. אין תשנ"ב האט דער רבי גערעדט צו אלע שלוחים און געזאגט אז אין יעדער צייט איז פאראן אנדערע זאכן וואס זיינען די עיקר פון די שליחות, און יעצט איז די עיקר פון די שליחות צו ברענגען משיח. אין יעדער מצוה וואס מען טוט און מען לערנט אויס אנדערע זאל צו טאן, זאל מען האבן די כוונה אז דאס זאל שוין ברענגען משיח



### לעבן מיט דער צייט

### פרשת חיי שרה

בנוגע צו שרה און רבקה דערציילן חז"ל אז די שבת ליכט וואס זיי האבן אנגעצונדען, האבן געברענט און געלויכטן "מערב שבת לערב שבת" - א גאנצע וואך.

און וויבאלד אז די שבת ליכט פון שרה און רבקה אמנו האבן געברענט א גאנצע וואך"'מערב שבת לערב שבת"' איז דערפון פארשטאנדיק, אז ענליך דערצו איז ביי יעדער אידישע פרוי און מיידל וואס צינדט שבת ליכט, אז כאטש אפילו די ליכט ברענגען נישט א גאנצע וואך בגשמיות, ברענגען זיי אבער אריין אין שטוב א רוחניותדיגע ליכטיקייט אויף דער גאנצע וואך. וואס די ליכט באלייכט די אויפפירונג אין שטוב עס זאל זיין לויט די אנווייזונגען פון "נר מצוה ותורה אור".יעדער אידיש מיידל האט דער טיטול פון בת שרה רבקה רחל ולאה.

יעדער מיידל ברענגט אריין הייליגע ליכטיקייט אין די גאנצע הויז צוזאמען מיט איר מוטער און איר עלטערע שוועסטער נאך מער, דער מנהג איז אז די מיידלאך צינדן ליכט נאך פאר דער מוטער. קומט אויס, אז די קליינע מיידעלעך זיינען די ערשטע צו אריינברענגען די ליכטיקייט פון נרות שבת קודש אין דער שטוב. אויך נאך דעם ווי די מאמע און עלטערע שוועסטער צינדען ליכט, בלייבט ביי איך דער זכות צו זיין די ערשטע צו אריינברעגען די ליכטיקיט פון נר מצוה אין שטוב!

און דאס גרייט אייך צו אז ווען איר וועט אויסוואקסן און וועט חתונה האבן, זאלט איר אויך ליכטיג מאכן אייערע אייגענע הויז אלס עקרת הבית (דער בעל הבית'טע פון הויז)

און ווען איר וועט געבענטשט ווערן מיט קינדער, און צווישן זיי אויך טעכטער זאלט איר ערציען זיי אז אויך זיי זאלן ליכטיג מאכן די הויז מיט אידישקייט, ביז אז די הויז וועט ווערן ליכטיג כפשוטה.

און דורך דערויף- ליכטיג מאכן די גאצע וועלט!!

*(פון "דער רבי רעדט צו קינדער")*

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org



# דעם חסידישן לוח

## פרשת חיי שרה און שליחות

אין דעם וואך'ס פרשה שטייט וועגן דער ערשטע שליח פון תורה - אליעזר. ער איז געווען דער שליח פון אברהם אבינו צו געפינען א שידוך פאר יצחק.

דער תורה רופט אן אליעזר "זקן ביתו המושל בכל אשר לו" - דער עלטערע פון זיין שטוב וואס ער געוועלטיקט אויף אלס וואס ער האט. די חכמים ערקלערן אז אליעזר האט געוועלטירט איבער אברהם'ס אברהם'ס רוחניות'דיקע זאכן - זיין תורה, און אויך זיינע גשמיות'דיקע זאכן. ווייל אליעזר איז געווען אן אמת'ע שליח – אינגאנצן איבערגעגעבן צו אברהם אבינו, האט אברהם געקענט אינגאנצן פארלאזן זיך אויף אים.

ווען דער רבי שיקט ארויס שלוחים, גיט ער זיי דעם כח זיין ווי אים - דער רבי. דער כח העלפט יעדער שליח אויפטאן זיין שליחות – איבערצונעמען די וועלט דורך פארשפרייטן אידישקייט און חסידות. און פונקט אזוי ווי אליעזר האט מצליח געווען אין זיין שליחות, האט יעדער חסיד דער צוזאג פון דער רבי אז אויב ער וועט זיך נאר ארייןלייגן אין זיין שליחות, וועט ער זיכער מצליח זיין!

קינדער, איר זייט דעם וויכטיקסטן חלק פון אייערע עלטערן'ס שליחות. איר זייט די וואס באווייזן אלע מענטשן ארום אייך אז אידישקייט איז פאר אלעמען ניט נאר פאר עלטערע מענטשן. ווען זיי זען ווי איר פירט זיך מאכט דאס א גרויסע רושם אויף זיי. קינדער, איר, אלס די ילדי השלוחים, האבן די כחות פון דער רבי: דער רבי איז מיט אייך אין אלץ וואס איר טוט, און מאכט זיכער אז איר זאלט מצליח זיין אין אייערע שליחות.

לעילוי נשמת
**אאמו"ר הרה"ח התמים ר' דובער**
**בן הרה"ח ר' נפתלי שו"ב ע"ה יוניק**
**זכה לשמש בקודש קרוב ליובל שנים**
**נפטר ביום הרביעי, ט' אייר תשס"ה**
**נדבת בנו ר' דוד שי' יוניק ומשפחתו**



# דערציייל מיר א מעשה

"איך בין געווען איינע פון די קאונסלערס פאר מסיבת שבת," האט הרב משה לאסקער דערציילט. "און "יעדער וואך האב איך אריינגעגעבן א רעפארט צו 770."

איין וואך ווען איך האב אריינגעגעבן מיין "רעפארט," האט דער רבי מיר אריינגערופען אין זיין אפפיס "ביסטו פארנומען?" האט ער געפרעגט.

איך האב גלייך פארשטאנען אז ער וויל מיר געבן א ספעציעלע שליחות, האב איך גלייך געענטפערט אז איך בין ניט פארנומען. דער רבי האט מיר יעמאלט געבעטן אז איך זאל נעמען צוויי ליכט און ברענגען זיי צו א פרוי אין שפיטאל. דער רבי האט געזאגט אז אויב די מענטשן פון שפיטאל וועלן מאכן פראבלעמען, זאל איך דאס מסדר זיין, און אויב די פרוי אליין וועט ניט גלייך וועלן, זאל איך איר זאגן אז הרב שניאורסאהן האט דאס געשיקט און געבעטן אז זי זאל דאס אנצינדען."

איך בין געקומען אין שפיטאל און די פרוי האט טאקע ניט גלייך געוואלט אנצינדען די ליכט אבער ווען איך האב איר געזאגט אז דער רבי האט דאס געבעטן האט זי מסכים געווען. איך האב דארט אויך געפונען א גוי'שע פרוי וואס האט געזאגט אז זי וועט איר העלפן מיט דעם.

ווען איך בין אנגעקומען אין שטוב, האט דער טעלעפון געקלונגען. עס איז געווען דדער רבי אויפ'ן ליין, "דאס רעדט הרב שניאורסאהן, איז משה אהיימגעקומען?"

דעם נעקסטן וואך ווען איך בין געווען אין 770 האט דער רבי מיר געזען. "אדאנק" האט דער רבי געזאגט. "אדאנק אויף אויספירן מיין שליחות...."

קינדער, דער רבי האט אסאך זאכן וואס ער וויל אויפטאן. דער אייינציקסטע זאך וואס ער דארף, זיינען הענט און פיס אויסצופירן זיין רצון. די שלוחים זיינען די הענט און פיס פון דער רבי!! דער רבי דאנקט אפ יעדער שליח אויף זיין ארבעט און באצאלט אים מיט אלץ וואס ער דארף!!

## שבת מברכים
## חודש כסלו

A project of CHINUCH YALDEI HASHLUCHIM a division of the Shluchim Office
816 Eastern Parkway, Brooklyn, NY 11213 ~ (718) 221-0500 x317 ~ cyh@shluchim.org